# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאָן

| | | | |
|---|---|---|---|
| ב״ה, לאָדזש־קראָקע־וואַרשע. | תשרי תרצ״ד | נומער 108 | עלפטער יאָרגאַנג |



**תוכן:** א פאַרשטערטע שמחה — י״ל ארלעאַן. רבּב ישראל ופרשיו — י. פופקין. שוין ציים צו פאַרשטיין — הרב שמואל דוד לאַסקי. ג׳ות (ליד) — אליעזר שינדלער. די בית יעקב באַוועגונג אויף גיזונטע יסודות — יהודא לייב ארלעאַן. בנות אגודת ישראל אין ארץ ישראל — מ״ו ניעסטעמפּאווער. וואָס לערנט אונדז די תורה וועגן די בלאַנדזשיגישן און נסיוגות פון אונדזער צייט — א״ז פרידמאַן. פרויען צו דער פעדער — העשיל קלעפּפיש. ווען די יוגנט ווערט צייטיק — ד״ר משה אשער. כבוד אָב — ישראל עמיאט. ווי א שופר הייב אויף דיין קול (ישעי׳ נ״ח) — א. שינדלער. גיקליבענע פּערל — א. שנור. ביי א יום־כפור ליכטל — אלימלך שטייער. אין קלויסטער — ז. שאַכנאָוויטש. דאָס היטלער רעטיניש און רבי יעקב עמדין — פ״ז גליקסמאַן. דריי יאָר פּלאַן פון בנות אגודת ישראל. ביכער רשימה, ידיעות און מודעות.


# די פאַרשטערטע שמחה*)

## צו דער פּטירה פונים „חפץ חיים״ זצ״ל

„תדבק לשוני לחכי... אם לא אעלה את ירושלים
על ראש שמחתי״. (תהלים קל״ד)

**דורכן** מויל פון זיין הייליקסטן משורר האט דאָס יידישע פאָלק גישוואוירן צו דערמאָנען ביי דער שטאַרקסטער שמחה דעם חורבן פון ירושלים. דעם גלות־ייד קאן נישט באַקומען קיין שום פרייד, ווי לאַנג דאָס הייליקע ארט אין ירושלים איז פאַרשיט מיט די חורבות פון זיין הייליקן הויז. דאָס איז שוין אונדזער גורל זינט אונדזער געטלעכער בנין איז גיפאַלן דורך די מ רדערישע הענט פונים רוימישן פאָלק. אין דער גרעסטער פרייד מוז דער זכר פונים חורבן זיין ביטערן טראָפּן אריינגיסן. ירושלים מוז דערלאַנגט ווערן צום טיש פון יעדער יידישער שמחה.

א טייער און ווערטפול רעשטל איז אבער גיבליבן פונים מוראדיקן הורבן. דאָס בית מקדש איז טאַקע פאַרברענט, אבער די תורה איז גיראַטעוועט. „ואין לנו שיור רק התורה הזאת״. אין די פינצטערסטע צייטן האט דאָס דאָזיקע רעשטל אונדזער וועג באַלויכטן. אין די אומעטיקסטע מינוטן זענען מיר דורך דער תורה דערפרישט גיווארן. די תורה, וואָס האט באַקומען א לעבעדיק גישטאַלט אין די גאוני הדור, אין די הייליקע צדיקים, איז גיווארן אונדזער טרייסט און אונדזער האפינונג. זיי האבן אָפּגירוימט די חורבות, גירייניקט די וועגן און גיגרייט דאָס פאָלק צו זיין ווידער־גיבוירן. זיי זענען גיווארן די אָנזאָגער פון דער נאָענטער גאולה, די שטראַלן פונים אויפשיינינדיקן ליכט.

איז טאַקע דער היינטיקער אָוונט, ווען יידישע טעכטער האבן זוכה גיוועזן צו טראָגן שטיינער פאַרן יידישן הייליקטום, ווען יונגע מיידלעך האבן דערלעבט מסיים צו זיין חמשה חומשי תורה מיט א גאַנצן קאמפּלעקס יידיש וויסן און דערציאונג, נישט קיין סתם שמחה, מע דאַרף דערמאָנען דעם זכר לחורבן, נאר א זעלטענע פייערונג, וואו ס׳הערן זיך די קלאַנגען פון דער אָנקומינדיקער באַפרייאונג. מיטן דאָזיקן סיום דאַרף אויסגידרוקט ווערן די אומדערשיטערלעכע אמונה אין דער מעגלעכקייט צו זען בקרוב ירושלים אין איר אויפבויאונג דאָס יידישע פאָלק צוריק אין זיין לאַנד.

אבער אין אונדזער שמחת התורה, אינים פריידיקסטן מאמענט פון די גיטרייע יידישע טעכטער, אין דער הייליקסטער חדווה פון די בית־יעקב תלמידות, האבן מיר א צווייטן חורבן איבערגילעבט. דעם גרעסטן גאון פון אונדזער דור, דעם הייליקסטן צדיק, די ליכטיקסטע פערזענלעכקייט, דעם „חפץ חיים״ האט מען היינט צו קבורה גיפירט. „קשה מיתתן של צדיקים משריפת בית המקדש״. דעם טויט פון צדיקים איז שווערער איבערצוטראָגן, ווי די שריפה פונים בית מקדש. דער חפץ חיים, דער ליבער טאַטע פון אונדזער דור איז שוין נישטאָ!



וואָס איז ער פאַר אונדז גיוועזן? שווער אין דער איצטיקער מינוט, זייענדיק איינגיטונקט אין צער, אָפּצושאַצן זיין ווערט. מיר דערלויבט זיין אין דער גידרוקטער שטימונג צו שילדערן איינצלנע שטריכן פון דער קרישטאָל־ריינער נשמה, וואָס האט אונדז איבערגילאָזט, ווי עלנטע יתומים. איך גידענק נאך פון מיינע קינדער יאָרן, ווען כ׳האב נאר גילערנט די משנה פון אבות: „רבי מאיר אומר: כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה...״ האב איך זיך נישט גיקענט באַרואיקן, ביז איך האב זיך אָפּגישטעלט אויף דער פערזענלעכקייט פונים חפץ חיים. ווער האט דען נאך אזוי ווי ער זוכה גיוועזן צו אזא אהבת המקום און אהבת הבריות? ווער איז דען היינט אזוי גיקריינט גיווארן מיט אלע מעלות וואָס די משנה רעכנט אויס? ער איז גיוועזן די אמתע פאַרקערפּערונג פון רבי מאירס צוזאָג פאַרן לערנינדיקן תורה לשמה. ער איז גיוועזן דער תורה־סימבאָל פאַר אונדזער שול. אויף אים האבן מיר כסדר גיטייטלט פאַר די קינדער: „זעט ווי גיטריי השי״ת צאָלט אָפּ דעם, וואָס לערנט תורה לשמה!״

און גילערנט האט ער שוין איין מאָל תורה לשמה. צענדליקער יאָרן איז ער ארומגיפאָרן מוסרן יידן. נאך די דרשות האט ער זיך אוועקגישטעלט פאַרקויפן זיינע אייגינע חבורים אינים ווינקל פונים בית־מדרש. אויף דער פראַגע, ווער איז דער מחבר, האט ער נאר אָנגיוויזן, אז דער אינהאַלט פון זיינע פריערדיקע דרשות האט ער גינומען פון די דאָזיקע ספרים. אזוי האט מען יאָרן־לאַנג נישט

*) בשעת די תלמידות פונים קראָקעווער סעמינאַר האבן גיפייערט זייער טראַדיציאָנעלן סיום, איז אָנגיקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן דער פּטירה פונים חפץ־חיים זצ״ל. דירעקטאָר י. ל. ארלעאַן האט צום סוף פון דער פייערונג מודיע גיוועזן דעם עולם די דערשיטערנדיקע בשורה און גיהאַלטן דערביי א ריירנדיקע רעדע איבער דער גרויסער פערזענלעכקייט. אויף אונדזער פאַרלאַנג האט דיר. א. צוגישיקט זיין רעדע מיט קליינע שינויים ספּעציעל פאַרן ב״י זשורנאַל.

די רעדאַקציע



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# רכב ישראל ופרשיו

**עס** ציטערט די פעדער אונטער דער האנט, די בלוטן אין די אדערן קאפן האסטיק, דווישיק, עס שווינדלט פאר די אויגן. איז דאס אמת, איז עס באמת גישעען!

דער חפץ חיים, דער חפץ חיים! ער איז גישטארבן!

ווער איז בכוח ארויסצושרייען דעם גרויזאמין דריקנדיקן ווייטיק, דעם מוראדיקן ווייגישריי, וואס רייסט זיך פונים האַרצן. ער, דער סבא־קדישא, דאס הארץ, די נשמה, דאס גיוויסן פון פאלק ישראל איז שוין אוועק פון אונדז!

ווי עלנט זענין מיר גיבליבן, עס האט זיך אויסגילאשן דאס גרויסע ליכט, דער לייכטנדער פאקל, דאס וואַרימדיקע פייער!

פאריתומט מיט גיבויגינע קעפ שטייען מיר ביים פרישן קבר פון אונדזער הייליקן רבי, פון גרויסן צדיק, פון עם גדול הדור. מיר שטייען און שרייען און קלאגן „אבינו, אבינו, רכב ישראל ופרשיו" !!!

* * *

דער גדול הדור איז ער גיווען, דער חפץ חיים זצ"ל. און נישט דער גרעסטער פון היינטיקן דור, נאר דער גרויסער אויך אין פארגאנגינע דורות.

אונדזער דור איז גישט דערוואקסן גיוועזן צו פארשטיין, צו דערשאצן אט דעם ריזיקן גיוואלטיקן גאונישן קאפ, אט דעם פלאם פייערדיק, ברויזנדן קוועליקן גייסט

מיר זענין צו וואכינדיק, צו קליינלעך, צו נישטיק, אום צו באגרייפן כאטש א מקצת מן המקצת, כאטש איין קליין ווינקעלע פון זיין ברייט פארצווייגטע הימל גרייכנדע אישיות.

א מענטש נישט פון יינדיער שניט, נישט פון אונדזער תקופה, ווי איינער פון די גדולים האט זיך אויסג רוקט, ער וואלט גיפאסט פארן דור פון די ראשונים. מיר האבן אים נישט פארשטאנין, מיר האבן אים משיג זיין נישט גיקענט. מיר האבן נאר גיזעען א שטיק קדושה פאר זיך, א הייליקייט וואס האט גישוועבט און גילויכטן איי אונדזער וועלט.

זיין גאנץ לעבן איז גיוועזן גיקייטלט פון איין גרויסן רינג, פון איין סיסטעמאטיש צונויפגיפלאכטינע קייט, וואס האט גיהייסן ק ד ו ש ה.

ער האט זיך א לעבן גיטובלט אין קדושה, א לעבן זיך בקדיש גיוועזן פאר עבודת ד' און א לעבן זיך גיאפפערט פאר ... ת ישראל.

אין משך פון זיינע קארגע הונדערט יאר לעבן, האט ער קיינמאל נישט גינומין פון זיי כאטש איין מינוט, כאטש איין רגעלע פאר זיך גופא, פאר זיין אייגינים נוצן. ער האט פאר זיך אליין ווי נישט קזיסטירט, ווי נישט גילעבט.

מיט זיין גאנצן הייליקן וועזן איז ער גיוועזן צונויפגיגלידערט, צונויפגיוואקסן מיטן כלל ישראל. זיינע ווייטיקן האט ער דורכגיבלוטיקט און זיינע פריידן פלעגן אים נחת־רוח פארשאפן. ער האט גיטראגן אויף זיינע פלייציס דעם יאך פון מיליאנין, די שווערקייט פון א גאנצער תקופה.

און דער חלום פון זיין לעבן איז גיווען, דער אייניציקער באגער, וואס האט אן אויפהער גיגליעט אין זיין גרויסער נשמה, צו ברענגין א גאולה פאר זיין פאלק, ניין, נישט נאר פאר זיין אומה, צו א דערלייזונג פאר דער גאנצער מענטשהייט — האט ער גישטרעבט.

זיין שטענדיקע טעמע איז גיווען משיח, גאולה. ער האט גיבענקט פשוט צו זעען דעם מענטש אין זיין שלימותדיקער פארפולקאמונג. און צו דעם צוועק האט ער צענדליקער ספרים געשריבן. האט זיך כסדר פאַרשטענדיקט מיט זיין פאלק דורך ספרים אין קול קוראס. אמאל פלעג ער זיך בעטן ווי א פריינד, ווי א טאטע צו קינדער, מע זאל תשובה טון. מע זאל זיך שטארקן אין אמונה, מע זאל דערזעען דעם ריכטיקן וועג וואס פירט צום גליק, צו דער גאולה פון מענטשן, און אפט מאל פלעג ער זיך בייזערן, ווי א צארנדיקער מוכיח שרייען וועקן, שטורמין.

**ער האט** גיוואלט כאטש מיט גיוואלט אויסלייזן דעם ייד פון זיינע גלות קייטן...

און א וועלט איז גיוועזן נתפעל פון אים. א וועלט איז גישטאנין ווי פאר א רעטעניש און באוואונדערט די איבערנאטירלעכע גישטאלט, דאס גרויסע ליכט וואס האט אראפגינידערט צו אונדזערע האריזאנטן.

זעלטן ווען א יידישער גדול איז גיוועזן אזוי פיל פארהייליקט, אזוי לעגענדאריש פארערט ווי דער חפץ חיים זצ"ל. עס איז נישטא קיין איין יידישער קבוץ אין דער גארער וועלט, וואו מע זאל דעם חפץ חיים נישט דערמאנין מיט א ציטער אויף די ליפן.

דאס פאלק האט זיך אינסטינקטיוו, מיט א טיפער הכנעה גיבויגן פאר זיין גרויסקייט. ער האט נישט באגריפן דעם שפיץ פון זיין הויכקייט. אבער ער האט גישפירט זיין הייליקייט, זיין ריינקייט און אמת.

און עפיס האט זיך טאקע שטענדיק גידאכט, אז דער חפץ חיים וועט זיך נישט שיידן מיט זייגע יידן, ווי וועט ער זיי איבערלאזן אליין אין אזא גידיכטער פינ טערניש, אין אזא זומפיקער בלאטע, וואס הערשט ארום אונדז. עס האט זיך גידאכט, אז דער טרעגער פון גאולה בשורות, וועט ענדלעך דערלעבן דער פארווירקלעכונג פון זיין שטרעבן.

אנדערש איז אבער גיוועזן דער ווילן פון דער השגחה. דאס גרויסע ליכט איז פון אונדז צוגינומין גיווארן. מיר שטייען עלנט, איינזאם, דערשלאגן פון צער ביים קבר פונים הייליקן מדריך און רבי און שרייען פארצווייפלט: אבינו! אבינו! רכב ישראל ופרשיו!

על מי עזבתנו?!

י. פופקין

---

## ועד „בית יעקב" קינצק

הנני מאשרים בזה שהתלמידות

| | |
|---|---|
| א) אסתר אברמוביץ | ד) מרים קירשנבוים |
| ב) ברכה טורקי | ה) פערל קירשנבוים |
| ג) חוה אלבערט | ו) פרומיט זאנד |

גמרו שבע מחלקות „בית יעקב בעירנו.

בשם הועד

המורה — פ. שטייער

היו"ר — א. י. פייטלוביץ

המזכיר — ח. נ. אלבערט

בחודש תשרי, תרצ"ד.

---

א כתיבה וחתימה טובה און א גליקלעך גיבענטשט יאר ווינטשן מיר דער חשובער פרוי שענירער.

בלאשקי — בנות אגודת ישראל

חנה טרויבע

---

אונדזער ל. לערערן און פירערן פרל. חי' שרה גרינבערג ווינטשן מיר צום נייען יאר פיל גליק און א כתיבה וחתימה טובה.

טורעק — בנות אגודת ישראל

---

די הארציקסטע מזל־טוב וואונטשן אונדזער פריינדן פרל. הינדע לאה ראזענבערג (טורעק) צו איר חתונה מיט ה' דוד ווינטער. זאל איר עתיד

---

זיין א גליקלעכער און באצירט מיט בלומין פון אונדזער אידעאל.

בנות אגודת ישראל

טורעק — לערערן חי' שרה גרינבערג

שוועסטערן זאממער

---

צו דער פארלאבונג פון אונדזער אונערמידלעכער טרעגערן פון דער בנות־פאן און שטאלצע פיאנערן פון אונדזער אידעאל פרל.ביילא פירער (רימאנאוו) מיט ה' שלמה פירער (קראסנא) ווינטשן מיר פון טיפן הארצן מזל־טוב. אייער צוקונפט זאל זיין גיבענטשט מיט די רייכסטע ברכות פון ג—טלעכן אוצר.

ימאנאוו — בנות אגודת ישראל

---

מיינע פריינדנס די בנות חברות

**ריווע שענבערג** און **העניע פערלמוטער**

פון טשעבין

ווינטש איך א הארציקן מזל־טוב צו זייערע תנאים.

קאמינקע־סטרום. — חנה בערלינער

הארכיון היהודי



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# שוין צייט צו פאַרשטיין

פון הרב **שמואל דוד לאַסקי** אבד"ק סאמפאלנא

די הויפט־פרינציפּן אויף וועלכע עס באַזירט אונדזער הייליקע אמונה — זענען, לויט דער פאָרמולירונג פון בעל העקרים ז"ל — מציאות השם. דאָס גלויבן אין דעם איינציקן באַשעפער און זיין אַבסאָלוטן ווילן, תורה מן השמים. דאָס גלויבן אין דער הימלישקייט פון דער תורה און אירע מצוות, און השגחה פרטית, דאָס גלויבן אין דער איינצלנער אויפזיכט פון אַלמעכטיקן אויף יעדן וועלט־דעטייל.

די דאָזיקע דריי עקרים זענען עס דער פונדאַמענט פון דער תורה־עטיק, וואָס ווערט דורך אונז גיבּרענגט צום אויסדרוק דורך די פייערלעכע ראש־השנה־תפלות: מלכיות, זכרונות און שופרות. זיי זענען די וואָרצלין פון וועלכע עס צווייגן זיך אָפּ די אַלגימיין באַקאַנטע דרייצן עקרים פון דער אמונה.

דאָס זענען די יידישע אמתן, פאַר וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט זיין בלוט און מאַרך אַוועקגיגעבן, אמתן, וואָס האָבן זיך זייט יאָר־טויזנטער איינגיבּיר־געָרט אין דער יידישער נשמה און אַנגיפולט איר גאַנץ וועזן, אמתן, וועמענס פראָפּאַגירונג און פאַרקערפּערונג. עס איז דער ציל פון דער יידישער עקזיס־טענץ.

דאָס יידישע פאָלק האָט קיינמאָל נישט אָנערקענט די „אייזערנע נאַטור גיזעצן" אַלס זעלבשטענדיקע זאַך, עס האָט שטענדיק גיגלויבט און פאַרשטאַנען, אַז דער הימלישער ווילן איז די סיבה פון אַלע וועלט־גישעענישן, אַז נאָר די השגחה עליונה ליפערט כוח און חיות דעם גאַנצן קאָסמאָס מיט אַלע זיינע באַשטאַנד־טיילן און די קלענסטע פאַסירונגען וואָס אויף אים, זענען אַ פועל־יוצא פון דעם העכסטן רצון.

דאָס יידישע טיף־רעליגיעזע באַוואוסטזיין, האָט שטענדיק פאַרשטיין, אַז די נאַטור מיט אירע קאָנסעקווענצן, זענען נאָר די פאַרים אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דער ווילן פון דער השגחה און [illegible] ביד היוצר, אַן־איינ־סטרומענט מיט וועלכן עס אָפּעריִרט דער העכסטער כוח. ד' הוא האלקים, דער שעפערישער כוח פון ג—ט (וואָס ווערט באַצייכנט מיט ד') איז גלייכצייטיק דער פירנדער און הערשנדער כוח (וואָס ווערט באַצייכנט מיט אלקים), דאָס איז די אַלטע לאָזונג, וואָס איז שטענדיק גילעגן אין דער סטרוקטור פון יידישן פאָלק און קיין שום קאָניונקטור איז נישט בכוח גיווען זי צו ערשיטערן.

ערשט די „נייע צייט" מיט איר תאוותדיקן כפירה־גייסט האָט באַוויזן אָפּצו־שלאָגן פון יידישן פאָלק גיוויסע טיילן, וואָס האָבן פאַרטויִשט דאָס הערלעך־לאַגישע רעליגיעזע באַוואוסטזיין אויף דעם מאָדערנים „נאַטור" אָפּגאָט. ערשט די „קולטור־עפּאָכע" האָט באַוויזן צו פאַרטעמפּן אַזוי פיל יידישע מוחות און צו פאַרבלענדן אַזוי פיל יידישע אויגן נישט צו זעען דעם גרויסן שעפערישן און לייטענדן כוח, וואָס שטייט איבער דער נאַטור, ערשט דער איינפלוס פון דער פסיידאָ־וויסנשאַפט מיט אירע גאוותדיקע אַמביציעס, האָט עס גיקאָנט אַזוי טומאַגירן יידישע גיוויסנס, צו פאַרוועקסלען דאָס פאַראורזאַכטע מיט דער אור־זאַך, און אויסצושטעלן אַזעלכע עקלהאַפטע דעגענעראַטן, וואָס זענען אין זייער גראָבן אומזין אַזוי גיפאַלן, צו באַנוצן די באַצייכנונג פון „השגחה עליונה יד" אַלס אויסדרוק פון ביטול און איגנאָראַנץ.

דער גלויביקער ייד, וועמין די אמונה מיט אירע עקרים זענען טייער און הייליק, טאָר זיך אבער נישט לאָזן פאַרטומלין פון דער אומזיניקער פילאָסאָפריי, ער טאָר נישט פאַרלירן דאָס גלויבן און דאָס באַוואוסטזיין פון דער ג—טלעכער השגחה, ער טאָר נישט פאַרבלענדט ווערן פון די „נאַטור גיזעצן", וואָס אין אמתן זענען זיי נישט מער ווי אַ פאַרים פון דער השגחה פרטית, וואָס איז אַ גרונט־פרינציפּ פון דער תורה און נביאה.

די לעצטע גישעענישן אין דייטשלאַנד קאָנען פון דעם גלויביקן און קלאָר דענקנדן ייד נישט אַנדערש אויפגינומין ווערן ווי אַלס יד אלקים. אַלס ג—טלעכע שטראָף פאַר דער פאַרפערמדונג פון יידישן גייסט, וואָס האָט אַזוי צו־פרעסן דאָס דייטשע יידנטום, גראָד אין יענים לאַנד פון וואַנין די „השכלה" האָט גינומין איר מקור. אין יענים לאַנד, ווי מיט 150 יאָר צוריק האָבן זיך גיפינען אַזוי פיל גרויסע און חשובע קהלות פון אָפּגיהיטינע יידן מיט גאונים און צדיקים בראש, וועלכע זענען לעצטנס אַזוי פאַרוויסטיט גיוואָרן דורך דעם ליבעראַליזם, דאָרט וואו צענער טויזנטער יידן האָבן זיך פאַרקויפט דעם שמד, רח"ל, און צענער טויזנטער האָבן פאַרפעלטשט די אַלטע, ריינע תוה"ק דורך אַ רעפאָרם־קריפּל פון „מאָדערע רעליגיאָן" אָן אָנערקענונג פון תורה און מצוות, דאָרט, וואו עס זענען אַנטשטאַנען „זאָנטאַגס־גימיינדען" מיט „מיש־עהען", דאָרט, וואו מע האָט זיך נישט גיוואָלט באַקענען צום יידישן גלות, גראָד אין יענים לאַנד איז אויסגיגאָסן גיוואָרן דער ג—טלעכער צאָרן אין דער פאָרם פון דער גימיינער היטלער־באַנדע, וואָס מאָרדיט, פייניקט, דריקט און שענדיט אויף דעם אומגלויבלעכסטן אופן. איז דאָס אַ בלויזע „נאַטירלעכע קאָנסעקווענץ", אַ בלויזער אומשטענדן־טראַף? זעט מען נישט דערין עין בעין די שטראָפנדע האַנט פון דער השגחה, וואָס פאָדערט פון ייד זיין פליכט און באַשטימונג.

ווי קלאָר און דייטלעך קלינגין די נבואה ווערטער, שובה ישראל עד ד' אלקיך כי כשלת בעונך, גיי צוריק, ישראל, צו ג—ט, דיין הערשער, ווייל דו שטרויכלסט דיך דורך דיינע זינד. שוין צייט זיך אָפּצוטרייסלין פון דעם מינצטן איינ־פלוס פון דעם נאַטור־אָפּגאָט, שוין די העכסטע צייט צו פאַרשטיין, אַז ד' אלקיך, אַז דיין שעפער איז גלייכצייטיק דיין הערשער און פירער און אַז דיין אומגליק איז אַ פּראָדוקט פון דיינע זינד. שוין צייט צו פאַרשטיין די שפּראַך פון דער השגחה און אין זיין גאַנצן אומפאַנג אויפצונעמין דעם נבואה־רוף: שובה ישראל.

## אליעזר שינדלער

# גָלות

וְאַתְּכֶם אֱזָרֶה בַגּוֹיִם...

דער גָלות, אַנ־געוּנש, ביטער און האַרב,  
און רויט ווי בלוט איז זיין פאַרב.—  
וואַגלט ישׂראל, שטיל ווי אַנ־אָבל,  
פון צִיון קיין בָבל...  
ליידיק איז דער לאָגל,  
טרוקן און האַרט,  
און פול מיט דערנער די וועגן,  
פון רוים און פון ספרד...  
און גראָ איז די גויט,  
און שוואַרץ איז דער טויט,  
ביים מיין און ביים ריין...  
ציען זיך שליאַדיס  
פון בלוט און פון טרערן,  
קיין בעמין און מערן...  
און ס־ברעגין די טריט,  
ווי פריסיק און קוילן,  
פון פרייסן קיין פוילן...  
און ס־יאָגן די כמאַרים,  
ברוגז און שאַרף,  
און ס־רייסן די כוואַליס,  
פון מִזרח קיין מערב...  
און ווייטער אַלץ טרייבט ער,  
דער פינצטערער שטורים,  
און ס־ציט זיך דער גָלות,  
קיין צָפון און דָרום...

ה

הודפס מתוך הארכיון היהודי

דער וואליזע און נעמט ארויס א פאר שטיקלעך פארדארט ברויט).

מלכה: פארשעמסט דער מאמיס מאלצייט? וואס קאן דיר די ארימע אלטע מאמע מיר געבן? אבער דו ביסט דאך צו קיין בעסערס נישט גיוואוינט האסט דאך קיין גוטע יארן קיינמאל נישט גיהאט. (וויינט)

לייבל: רעד נישט אויפן רבש"ע, זיין רצון איז אזוי. ווייל נישט מאמישי, אזוי דארף זיין (שטיקט זיך מיט טרערן) כ'קען דאך אבער נישט, פארן טאטן... פארן טאטן... ער האט דאך נישט וואס אין מויל ארייז צו נעמין. (וואשט זיך עסט אפ, בענטשט איבערלאזנדיק די חלה. דאס ליכטל צאנקט, טיקט זיך אויפהייבנדיק א שטיקנדיקן רויך).

מלכה: (צו לייבלין) וואו וועסטו זיך לייגן? מיטן טאטן? לייג זיך מיטן טאטן!

לייבל: וואס ארט דיך מאמע, כ'וועל מיר שוין אנ'עצה געבן. (זי לייגט זיך).

מרדכי: (צו לייבלין) לייען קריאת שמע דאס ליכטל גייט שוין אויס, וועסט זיך לייגן מיט מיר.

לייבל: טאטע, צו וואס זאלסטו זיך באשווערן ביסט דאך קראנק, כ'וועל אזוי איבערזיצן די נאכט.

(דאס ליכטל גוססט אויס איר לעצטן שיין און גייט אויס אין א קנויל רויך מרדכי און מלכה שלאפן שוין עס הערט זיך זייער כראפן).

לייבל: (זיצט אין דער פינצטער און זאגט תהלים וויינענדיק אין זיך אריין נישט אויפצואוועקן די שלאפנדע).

„תפילה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפך שיחו"...

---

# ווי א שופר הייב אויף דיין קול

(ישעי' נ"ח)

הפטורה פון יום־כפור

רוף מיט א פולער קעל, לאז נישט אפ,
ווי א שופר הייב אויף דיין קול,
און זאג מיין פאלק זיין זינד
און צום הויז פון יעקב, זיינע חטאים. —
און אט זוכן זיי מיך נאך טאג ביי טאג,
און ווילן מיינע וועגן וויסן,
אזוי ווי א פאלק וואס האט גירעכטיקייט גיטון,
און דאס משפט פון זיין גאט נישט פארלאזט.
פרעגן זיי מיך די דינים פון יושר,
די נאנטקייט פונים אייבערשטן באגערן זיי.
— פארוואס פאסטן מיר, און דו זעסט נישט?
פייניקן מיר אונדזער נפש, און גיסט נישט אכטונג?
*
— — — — — — — — — — — — — —

אין טאג פון אייער תענית, גיפינט איר דאך באדערפיניש
און אלע אייערע בעלי־חובות פלאגט איר.
נאר פאר גיקריגערייַ און פאר מחלוקה פאסט איר,
און צו גישלעג מיט דער בייזער פויסט.
נישט פאסט איר אין דאזיקן טאג
כדי ס'זאל גיהערט ווערן אין דער הויך אייער קול.
זאל דאס זיין א תענית, וואס איך האב אים אויסגיקליבן?
א טאג, ווען דער מענטש פייניקט זיין נפש,
און בייגט איין ווי א זומפ־שטעקעלע זיין קאפ,
און בעט זיך א גילעגער אויף א זאק און אויף אש,
דאס רופסטו אן א תענית,
און אנ'עת־רצון ביים אייבערשטן?

הארכיון היהודי

— — — — — — — — — — —

צי איז נישט אט דאס דער תענית
וואס איך האב אים אויסגיקליבן,
צו עפינען די קייטן פון רשעות,
אויפצובינדן די קניפן פון דער יארמי,
ארויסצולאזן פריי די גירודפטע,
און אז צובערעכן זאלט איר יעדן יאך?
דיין חוב איז: איינצוטיילן דעם הונגעריקן דיין ברויט,
און די עלנטע אביונים אריינצוברענגען אין דיין הויז,
און אז דו וועסט זעען א נאקיטן, זאלסטו אים באדעקן,
און פון דיין נאנטן, זיך נישט באהאלטן.

ערשט דעמלט, וועט ווי דער מארגנשטערן
ארויסברעכן דיין ליכט,
און דיין היילונג, וועט גיך ארויסשפראצן,
און גיין וועט פארנט פאר דיר דיין ערלעכקייט,
און דעם אייבערשטנס תפארת, וועט דיך באגלייטן.
דעמלט וועסטו רופן, און דער באשעפער וועט ענטפערן,
דו וועסט שרייען און ער וועט זאגן: אט דא בין איך.
אז דו וועסט אפטון פון צווישן דיר פאריאכונג,
דאס סטראשין מיטן פינגער, און רעדן צוולות. —
אז דו וועסט זיך מוסר־נפש זיין פארן הונגעריקן,
און די נשמה פונים נויט־באדערפטיקן, וועסטו זעטיקן,
דעמלט וועט אויפשיינין אין דער פינצטערניש דיין ליכט,
און דיין טונקלקייט וועט ווערן, ווי די העליקייט פון מיטן טאג.
און פירן וועט דיך דער אייבערשטער שטענדיק,
און דערקוויקן אין דער טריקיניש דיין נשמה,
און דיינע ביינער שטארקן,
און דו וועסט זיין ווי א זאפטיקער גארטן,
און ווי א וואסער־קוואל, וואס זיינע וואסערן הערן נישט אויף.
און אויפגיבויט וועלן ווערן דורך דיר, די אייביקע חורבות,
און די יסודות פון דור־דורות, וועסטו ווידער אויפשטעלן,
און מע וועט דיך רופן: פארמויערער פון שפאלן,
ווידעראויפבויער פון סטעזשקיס צום וואוינען.
אויב דו וועסט צוריקהאלטן דיין פוס, צוליב שבת,
פון טון דיין משא־ומתן אין מיין הייליקן טאג,
און וועסט רופן דעם שבת א תענוג,
פונים אייבערשטן גיהייליקט און גישעצט,
און וועסט אים בכבוד האלטן,
און נישט אונטערנעמין דיינע וועגן,
און נישט ריידן קיין וואכידיקע רייד.
דעמלט וועסטו זיך פרייען מיט דעם אייבערשטן,
און איך וועל דיך לאזן ארויפגיין
אויף די הויכקייטן פון דער ערד,
און דו וועסט גיניסן די ירושה פון יעקבן דיין פאטער,
ווארן: דאס מויל פונים אייבערשטן האט גירעט!

יידיש: **אליעזר שינדלער**

ארכיון אסופות



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# גיקליבינע פערל

## אפאריזמין, תורה-ווערטער וועגן דער יידישער פרוי און ימים נוראים.

גיזאמלט פון **א. שנור**

### א'

**ורחל לקחה את התרפים ותשימם בכר הגמל ותשב עליהם. וימשש לבן בכל האהל ולא מצא.** (בראשית).

רחל האט גינומין דאס התלהבות דטומאה פון איר פאטער און עס פארוואנדלט אלס התלהבות פאר גמילת חסדים — „ותשימם בכר הגמל" אין באזארגן א קושן פארן באדערפטיקן און זיצן נעבן זיי (עליהם - נעבן זיי, פון לשון והוא עומד עליהם). לבן האט גיפילט א ממשות דקדושה אינים אוהל, אבער נישט דערגאנגין דעם סוד אז דאס האט גיקאנט טון א פרוי.

(מצא — הייסט פרוי, מצא אשה — מצא טוב).

(לויטן קוהלת משה).

### ב'

**ובדה על שכמה.** (דארט).

רבקה האט אויף איר אקסל גיטראגן דעם עול פון כ"ד די פיר און צוואנציק ספרים אותיות התורה.

(ר' נפתלי ראפשיצער).

### ג'

**די יידישע פרויען האלטן ראש חודש, ווייל זיי זענין גיגליכן צו דער לבנה.** (תלמוד).

יידן ציילן צו לבנה, נישט־יידן — צו זון. ביים עגל זענין די יידן גיווארן אין די בחינה פון עכו"ם וואס ציילן צו זון. נאר די יידישע פרויען זענין גיבליבן גיטריי דאס יידנטום וואס ציילט צו לבנה. דעריבער קומט זיי דער יום־טוב פון ראש חודש.

(ר' אלי' הכהן).

### ד'

**במוצאי יום־טוב הראשון של הג, היו יורדין לעזרת נשים.** (משנה, ביי שמחת בית השואבה).

אמת, סוכות זענין זיי גיוועזן איזאלירט מענער פון פרויען. די מענער האבן גידינט דעם באשעפער עפנטלעך און די פרויען האבן גיפירט יידישקייט אין דער היים. אבער דאך האבן די מענער ביים ערשטן סימן פון וואכידיקייט וואס איז אריינגיטרעטן אין די טעטיקייט, זענין זיי באלד גיגאנגין צו הילף (לעזרת — פון לשון עזרה) די פרויען.

(גיטייטשט לויטן טרוסקער מגיד).

### ה'

**כל כבודה בת מלך פנימה.**

דער כבוד פון די בת־מלך איז איר פנימיות, איר תוכנדיקייט. (חרוזי פנינים)

### ו'

**אחות לנו קטנה, ושדים אין לה.** (שיר השירים)

דרשו — זאגן אונדזערע חז"ל — נייטיקן זיך אין שמאל דוחה וימין מקרבת (לינקע האנט — שטויסט אפ די רעכטע — נעמט צו): יצר הרע, א קינד און א פרוי. בעטן מיר דעם באשעפער: זע, מיר האבן א שוועסטער, א פרוי און דערצו א קינד אבער ס׳פארמאגט אפילו נישט קיין שמאל דוחה וימין מקרבת (די אינציאלן פון שדים. זיי־זשע דו מקרב!

(האר"י הקדוש).

### ז'

**א ברונע איז ווי א הארץ, שפרודלדיק, קוואלנדיק** נישט וויסנדיק פון קיין מחיצות, ווי אמונה, אמתדיקע גיטרייע אמונה. דעריבער זענין אלע זיווגים פון די אבות גיוועזן ביי א ברונע. (מהר"ל מפראג).

### ח'

שרי אשתך לא תקרא שמה שרי כי אם שרה. (בראשית).

פאראן פרויען, וואס זייער חשיבות באשטייט ווערנדיק אנגירופן אויפן מאנס נאמעןארכיון ... יחוס עצמה. דעריבער — אל תקרא שמה שרי — לשון סמיכות מיטן מאן, — נאר שרה מיט זעלבשטענדיקע, אומאבהענגיקע מעלות. (הגהות פון של"ה הקדוש)

הארכיון היהודי

### ט'

צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה (שה"ש)

גייט ארויס, מאניפעסטירט איר טאכטער פון „ציון". אויסגיצייכנטע מיט לשון, לבוש און שם פון יידישקייט. און מלכות פון שלום. (חרוזי פנינים)

### י'

אויפן זעלבן:

אין אייער גייז, אין אייער בליק, זאל אנגיצייכנט ווערן די מאיעסטעט פון שלימות, יידישע שלימות.

(דארט).

### י"א

אם לא תדעי לך, צאי לך בעקבי הצאן ורעי את גדותיך על משכנות הרועים (שה"ש).

יידישע טאכטער! — אויב גאט האט דיך נישט באשאנקין מיט דעת פון זיין הייליקער תורה, גיי־זשע אין די שפורן פון די שעפעלעך און זע ווי ווי זיי האלטן זיך צוזאמין, אויסגיסדרט, ליבנדיק איינער דעם צווייטן, און אייערע ציגעלעך, די יידישע קינדערלעך דערציט אויף די שויסן פון די רועים, די באגלייבטע יידישע פאסטעכער. (ר' אלי' בעל שם)

### י"ב

כשושנה בין החוחים, כן רעיתי בין הבנות. — ווי די רויז צווישן דערנער, - וואס טראץ וואס די דערנער שפיזן, לעכערן זי אפט אדורך, בלייבט זי דאך אומדערשיטערט אין איר ראזיקייט. אזוי די יידישע טאכטער, די יידישע אומה וואס ווערט גייאגט פון די ארומיקייט, און פארלאזט דאך נישט די אמונה אין גאט. * (דער זעלבער)

### י"ג

אויפן זעלבן:

אזוי ווי די רויז, ווערט דערקענט צווישן דערנער, אזוי דערקענט מין אין לבוש, נאמין און לשון די יידישע טאכטער צווישן אנדערע (שיר השירים רבה)

### י"ד

ותקח הצעיף ותתכס. (סדר בראשית)

רבקה האט תפלה גיטון אויף צרות ישראל. צעיף זענין די ראשי־תיבות פון „עמך ישראל צריכין פרנסה". און מיט דעם האט זי מכפר גיוועזן אויף די עוונות פון גלות.

(ר' יודא צבי מראזלא).

### ט"ו

אויפן זעלבן.

**צעיף באטרעפט נ"ר, א ליכטל האט זי גינומין אין די ארומיקע פארנעפלטקייט און גילויכטן.**

(חרוזי פנינים).

### ט"ז

**השלום לו ויאמרו שלום — והנה רחל בתו באה עם הצאן.** (סדר בראשית).

האבן זיי גיענטפערט שלום, א ראי' — זיין טאכטער רחל איז נישט ווי אנדערע, א שטאלצע, א גיקליידעטע לויט מאדיס ווי אנדערע. באה עם הצאן — זי איז גאר באשיידן און דער עיקר — פריינטלעך, עם הצאן (זע אויבן אות י"א) און דא קאן דאך שוין זיין שלום...

(עוללות אפרים).

### י"ז

**וכל אשה חכמת לב בידי' טוו.**

די יידישע פרוי דארף די חכמה פון „לב" — הארציקייט ווען, קאנקרעטיזירן **אין הענט דורך מעשים**, נוטס און נאר גוטס טון. (חרוזי פנינים).

### י"ח

אשת חיל מי ימצא ורחוק מפנינים מכרה.

אן־אשת חיל ווער קאן גיפינין? — דער וואס איז ווייט פון געלט כוונות... (ר' אלי' הכהן).

### י"ט

צופי' הליכות ביתה.

איר הויז פירונג איז לויטן דרך ה' — זי האט דעם שם תמיד פאר די אויגן — צופה־י' — קיקט אויף ג—ט.

(ר' משה מקאזשניץ)

### כ'

**טעמה כי טוב סחרה, לא יכבה בלילה נרה.**

**דער טעם**, וואס איר באשעפטיקונג איז נאר גוטס, דערפאר ווייל אפילו אין די קילטע פארצווייפלונגנעכט, לעשט זי נישט איר התלהבות־פייער פאר רחמים.

(לויטן מדרש אלי')

### כ"א

**פיה פתחה בחכמה, ותורת חסד על לשונה.**

איר מויל הייבט זי אן מיט חכמה — דעת. די תורה פון חסד — רחמים, איז העכער פון איר לשון. ס׳איז פארווירקלעכט שוין דורך מעשים. (חרוז פנינים).

### כ"ב

**פארוואס דארף מין תשובה טון פאר תקיעת שופר, ווייל ס׳איז לויט חז"ל א חכמה און נישט קיין מלאכה. און ס׳שטייט דאך ראשית חכמה יראת ד'!**

(ר' שלמה קליגער).

### כ"ג

**עלה אלקים בתרועה.**

**דורך רעות — חברישקייט, גייט ארויף און פארשווינט דער מדת הדין פון אלקים.** (חר' ר' שמעלקע מנ"ש)

### כ"ד

**יום תרועה יהי' לכם.**

**א טאג אין וועלכן ר״זאלט צוברעכן אייער „א כיזם"** (פון לשון „תרועם" בשבט ברזל). דעריבער שבת וואס שטייט קודש יהי' לכם, דער „לכם" איז אויך קודש בלאזט מין נישט שופר. (חידושי הרי"ם).

### כ"ה

**ס׳איז נישט פאראן קיין זמן, אלץ איז בליץ שנעל נאך. איין ראש השנה גרייט דיך שוין צום צווייטן.**

(רבי נחמן מבראצלאוו)





הודפס מתוך הארכיון היהודי

